בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת שְׁמִינִי

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי קֶען מַיין וַוייבּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת?..............א

פוּן וֶוען הוֹיבְּט מֶען אָן מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת?..............ג

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ טוֹישְׁן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת?..............................ה

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן?........................ח

זָאל אִיךְ וַוייטֶער גֵיין הֲפָצָה?..............................................י'

זָאל אִיךְ זִיךְ הֵיילְן מִיט נַאטִירְלִיכֶע מִיטְלֶען?.......................... י"א

אַלְס מְלַמֵד, מֶעג אִיךְ פָּארְן אִינְמִיטְן זְמַן קַיין אוּמַאן?.................. י"ג

וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד וֵויינְט אַסאךְ בַּיינַאכְט?.................. ט"ו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דֶעם וָואס אַנְטְלוֹיפְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶעבְּט אַ
חַיִים טוֹבִים..........................................................................א

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ יֶענֶעם צוּ זָאגְן וואוּ צוּ וואוֹינֶען ........................ב

הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטוּל תוֹרָה..................................ג

דִי גְרֶעסְטֶע חִינוּךְ אִיז וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל וִוי
טַאטֶע מַאמֶע פִירְן זִיךְ ......................................................ג

דֶער בְּלַאט גְמָרָא זָאל זַיין בַּיי דִיר אַזוֹי וִוי לֵייגְן טַלִית אוּן תְּפִילִין .....ד

דִי בִּזְיוֹנוֹת נֶעמֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים..........................................ו

אַלֶע בּוֹדְקִים זָאלְן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן בַּיים זִכּוּי הַפַּת פַאר'ן עֵירוּב..........ז
גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ..................ח
זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שׁוּם זַאךְ..................................ח
שִׁשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ, אִיךְ לֶערְן דִי זֶעקְס סְדָרִים מִשְׁנַיּוֹת..................ט
מִיר זֶענֶען אַייךְ שְׁטַארְק מַכִּיר טוֹבָה פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיר
הֶעלְפְט אוּנְז..........................................................................ט
שְׁטַארְק זִיךְ, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט ......................................'
בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים דֶעם טֶעלֶעפָאן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיין לֶעבְּן ...... יא
גֵיי אַהֵיים צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיף פֶּסַח ................................ יא
אוּנְזֶערֶע זַאכְן זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם רֵיחַ פוּן זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ ......יב
טו תְּשׁוּבָה, גֵיי נִישְׁט אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער ..........................יב
וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין מִיט דִי קַמֵיעַ פוּן מוֹהֲרָ"א"ש ..................... יג
תְּהִלִּים אִיז אַן אוּנְטֶערְלַיינֶער .......................................... יג
חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן פוּן צֶעבְּרֶעכְן דַיין שְׁטוּבּ..........................יד
דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה הִיט אָפּ.......................................... טז
מִיט'ן רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וֶועט אִיר זִיךְ אָפְּרֵיינִיגְן פוּן אַלֶעם
שְׁלֶעכְטְס ..................................................................יז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי קֶען מַיין וַוייב פָּטוּר וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען נִישְׁט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, אָבֶער מִיר הַאלְטְן מִיט אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיווּ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן דָאס גֶעבְּט אוּנְז אַסַאךְ צוּ אִין לֶעבְּן, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ פְּרָאבְּלֶעם בַּיי אוּנְז. מִיר גֶעפִונֶען זִיךְ אִין אַ פְרוּמֶע פְּלַאץ וואוּ מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, אֲפִילוּ פוּן מִשְׁפָּחָה, גְרִיסְן זִיךְ נִישְׁט אוּן רֶעדְן נִישְׁט קַיין וָוארְט צְווִישְׁן זִיךְ; אִיךְ מִיט מַיין וַוייב לֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר גוּט אִינְאֵיינֶעם, מִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן מִיר זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמֶען מְחַזֵק מִיט אַלֶעס.

דֶעם פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטִיף בְּרוּדֶער, אַ בָּחוּר, אוּן אֵיין טָאג זָאגְט מִיר מַיין וַוייב אַז עֶר אִיז אִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַסַאךְ צוּ טְרַאכְטְן פוּן אִים, אוּן עֶס צִיעֶט אִיר צוּ אִים, כָאטְשׁ וָואס זִי זֶעט אִים זֵייעֶר וֶוייניג.

זִי וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אוּן זִי אִיז אַסַאךְ מִתְפַּלֵל אוֹיף דֶעם, אָבֶער מִיט דֶעם אַלֶעם טְרֶעפְט זִי זִיךְ אַסַאךְ טְרַאכְטְן פוּן אִים. זִי בֶּעט אִיךְ זָאל אִיר הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אִיר הֶעלְפְן. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַּאר אוּנְז?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ח' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאג דַיין וַוייבּ זִי זָאל זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'. וְהִנֵּה, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ, וְאַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, כִּי יֵשׁ אֶחָד שֶׁאֵין לוֹ הִתְעוֹרְרוּת כְּלָל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּפִירְן זַיין וִוילְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, וַוייל עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר זָאל טוּן דָאס צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס וָואס הָאט יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן לְמַעֲשֶׂה אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט יֶעדֶער זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט עֶר אָבֶּער נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן דוּרְךְ דֶעם, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", אוּן עֶר קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ', בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַז זִי וִויל אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם זָאל זִי זָאגְן תְּהִלִּים; אַז זִי קֶען

זָאגְן דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים" יֶעדְן טָאג אִיז גָאר גוט און אַז זִי הָאט נִישְׁט קֵיין סַאךְ צַייט, זִי אִיז פַּארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער - זָאל זִי זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, וִויפִיל זִי קֶען, דָאס וֶועט אִיר בְּרֶענְגֶען צוּ תְּשׁוּבָה, עֶס וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אִיר קָאפּ דִי אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם - וֶועט זִי טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאג אִיר זִי זָאל נִישְׁט מַאכְן קֵיין עֵסֶק פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת; וַוייל וֶוען מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת וֶוערְן זֵיי שְׁטֶערְקֶער, וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת זָאל זִי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַוֶועק גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פוּן וֶוען הוֹיבְּט מֶען אָן מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זוּן אִיז שׁוֹין צְוֵויי יָאר, אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין אִים אַבִּיסְל מֻשָּׂגִים פוּן יוֹם טוֹב פֶּסַח, אוֹיסֶער וָואס עֶר לֶערְנְט אִין חֵדֶר. מִיר זִינְגֶען מִיט אִים "מַה נִּשְׁתַּנָּה" און אַבִּיסְל וָואס מֵיינְט חָמֵץ און מַצָּה און דָאס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַלֶעס און עֶר הָאט אוּנְז גֶעמַאכְט נִסִּים און אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, און מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, און אַזוֹי וַוייטֶער. אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן מִיט אִים לוֹיט וִויפִיל אִיךְ טְרַאכְט אַז עֶר קֶען אוֹיפְכַאפְּן, און הָאף אַז עֶר כַאפְּט עֶס טַאקֶע אוֹיף.

לְמָשָׁל, אִיךְ הָאבּ אִים אֵיין טָאג גֶעזָאגְט עֶר זָאל קוּקְן אוֹיפְ'ן הִימְל, וָואס דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט "טוֹב לְהִסְתַּכֵּל עַל הַשָּׁמַיִם", און זַייט דֶעמָאלְט וֶוען אִיךְ גֵיי מִיט אִים אִין גַאס זָאגְט עֶר מִיר אוֹיף זַיין קִינְדֶערִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, "טַאטִי, הִימְל", אִיךְ פְרֶעג אִים וואוּ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? וַוייזְט עֶר אוֹיבְן און עֶר זָאגְט "הִימְל".

אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ מַגְזִים, אֶפְשָׁר אִיז עֶר נָאךְ צוּ יוּנְג; וֶוען אִיז דִי יָארְגַאנְג וָואס מֶען דַארְף

אָנְהוֹיבְּן מַשְׁקִיעַ זַיין אִין דִי קִינְדֶער?

אִיךְ פְּרוּבִּיר עֶס צוּ מַאכְן מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַן הַדְרָכָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִין דִי נוֹשֵׂא; פוּן וֶוען דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער? מֶען זָאגְט מִיט אִים מוֹדֶה אֲנִי אִינְדֶערְפְרִי אוּן אַ בְּרָכָה פַאר'ן עֶסְן, אָבֶּער אִיךְ ווייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶר כַאפְּט בֶּאֱמֶת וָואס מֶען זָאגְט מִיט אִים, דַארְף מֶען טַאקֶע שְׁטֵיין שְׁטַארְק אוֹיף אַ בְּרָכָה פַאר'ן עֶסְן?

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער מִיט אַ קְלָארֶע הַדְרָכָה אוּן הַשְׁקָפָה וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ח׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווארִיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג - זֵיי זָאלְן מַאכְן בְּרָכוֹת, אוּן דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה, דוּ רֶעדְסְט צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין סְפֶּעצִיֶעלֶע צַייט פוּן וֶוען מֶען דַארְף אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה; עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן וֶוען זֵיי וֶוערְן גֶעבּוֹירְן. פוּן דֶעמָאלְט זִינְגְט מֶען זֵיי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, נִיגוּנִים פוּן תּוֹרָה, נִיגוּנִים פוּן זַיין אַ אִיד; דִי אִידִישֶׁע מַאמֶעס זִינְגֶען שׁוֹין מִיט דִי קִינְדֶער פוּנֶעם גֶעבּוֹירְן אָן נִיגוּנִים פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן פוּן אֱמוּנָה.

אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער פוּן קְלֵיינֶערְהֵייט צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, וֶועלְן זֵיי זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן מַאכְן בְּרָכוֹת. וֶוען זֵיי זֶענֶען גָאר קְלֵיין, צְוֵויי יָאר אַלְט, זָאגְט מֶען דִי בְּרָכָה פַאר זֵיי; אִין אָנְהֵייבּ הֶערְן זֵיי, זֵיי כַאפְּן נָאךְ נִישְׁט אוֹיף דִי בְּרָכָה אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הֵייבְּן זֵיי אָן אוֹיפְכַאפְּן ׳בָּרוּךְ׳, נָאךְ אַבִּיסְל כַאפְּן זֵיי אוֹיף ׳אַתָּה׳, בִּיז זֵיי לֶערְנֶען זִיךְ אוֹיס דִי גַאנְצֶע בְּרָכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק,

אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת מח.): אַבַּיֵי אוּן רָבָא וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען זֵיי אַמָאל גֶעזֶעצְן פַאר רַבָּה, הָאט זֵיי רַבָּה גֶעפְרֶעגְט: "לְמִי מְבָרְכִין", צוּ וֶועמֶען בֶּענְטְשְׁן מִיר בִּרְכַּת הַמָּזוֹן? הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "לְרַחֲמָנָא", צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט רַבָּה זֵיי וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט, וָואס דוּ פְרֶעגְסְט דַיין קְלֵיין קִינְד: "וְרַחֲמָנָא הֵיכָא יָתֵיב", וואוּ וואוֹינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "רָבָא אַחֲוֵי לִשְׁמֵי טְלָלָא", רָבָא הָאט גֶעוִויזְן אוֹיפְ'ן דַאךְ, "אַבַּיֵי נָפַק לְבָרָא, אַחֲוֵי כְּלַפֵּי שְׁמַיָּא", אוּן אַבַּיֵי אִיז אַרוֹיס אִין גַאס אוּן גֶעוִויזְן אוֹיפְ'ן הִימְל. הָאט רַבָּה זֵיי גֶעזָאגְט: "תַּרְוַויְיכוּ רַבָּנָן הֲוֵיתוּ", בֵּיידֶע פוּן אַייךְ וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. דָאס אִיז דִי שְׁפְּרִיךְ וָוארְט וָואס מֶענְטְשְׁן דְרוּקְן זִיךְ אוֹיס: "בּוּצִין בּוּצִין מִקַּטְפֵיהּ יְדִיעַ" - מֶען קֶען זֶען אוֹיף פֵּירוֹת וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין צִי דָאס גֵייט אוֹיסְקוּמֶען אַ גוּטֶע פְּרוּכְט; אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֵוייסְן שׁוֹין אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זֵיי זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ טוּישְׁן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ צְווֶעלְף יֶערִיג אִינְגְל, אִיךְ הֶער דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן דָאס הֶעלְפְט מִיר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן.

אִיךְ דַארְף חִיזוּק אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיךְ טְרֶעף זִיךְ אַסַאךְ מָאל זִיךְ טַעְנָה'ן אוּן קְרִיגְן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן זִיךְ פִירְן צוּ זֵיי מִיט חוּצְפָּה. אוֹיךְ אִיז מִיר שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, אִיךְ קְרִיג זִיךְ מִיט זֵיי יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה זֵיי צוּ טְשֶׁעפֶּען, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ לִיבּ זֵיי צוּ מַאכְן וֵויינֶען.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ נֶעמֶען אַחְרָיוּת אוֹיף אַ טָעוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט, אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשׁ וַוארְפְן דִי שׁוּלְד אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם

אוֹיסֶער אוֹיף מִיר.

אוֹיךְ אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ לָאזְן הֶעלְפְן, אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט הָאבְּן מֶעדֶעצִין מִיר צוּ בַּארוּאִיגְן אִיךְ זָאל זִיךְ פִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ זָאל זַיין מֶער רוּאִיגֶער אוּן נִישְׁט אַזוֹי ווִילְד, אָבֶּער אִיךְ ווִיל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין הִילְף.

אִיךְ ווִיל זַיין וואוֹיל אוּן גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִּיק, אָבֶּער אִיךְ פַּארְלִיר זִיךְ שְׁנֶעל אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ הֶעלְפְן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן, אָבֶּער מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין וֶועג, דֶערִיבֶּער הָאב אִיךְ גֶעבֶּעטְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיב מִיר קֶענֶען שִׁיקְן אַ בְּרִיוו צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַן עֵצָה פַאר מִיר, חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה, אָדֶער אֶפְשָׁר אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן, ווַייל אִיךְ וֶוער שׁוֹין בַּאלְד בַּר מִצְוָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תַּכְלִית אַזוֹי אָנְצוּגֵיין, אִיךְ ווִיל אָנְהוֹיבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר "שִׁבְחֵי הָרַ"ן", דֶעם רֶבִּינְ'ס לֶעבְּן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן; דָאס וֶועט זַיין פַאר דִיר שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק, דוּ וֶועסְט זֶען צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער פְּרָאבְּלֶעמֶען. עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרָאפְּ צוּ שְׁרַייבְּן דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער; קוּק אַרַיין אִין שִׁבְחֵי הָרַ"ן (אוֹת יד), ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּן אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְזִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, דָאס

אִיז אִים גֶעוֶוען פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן; מִיט דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעצְוִוינְגֶען צוּ זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, בִּיז עֶר הָאט צֶעבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (שָׁם, אוֹת כב): "שֶׁמִּתְּחִלָּה הָיָה כַּעֲסָן גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד", אִין אָנְהֵייבּ אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער כַּעֲסָן, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן עַד כְּדֵי כַּךְ צוּ וֶוערְן פּוּנְקְט דָאס פַּארְקֶערְטֶע פוּן אַ כַּעֲסָן, אֲפִילוּ מֶען וֶועט אִים טוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אִין דֶער וֶועלְט וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם פַּיינְטְשַׁאפְט אָדֶער קְפֵּדָה, "אַדְּרַבָּא, הָיָה אוֹהֲבוֹ וְלֹא הָיָה בְּלִבּוֹ עָלָיו כְּלָל", פַּארְקֶערְט, עֶר וָואלְט יֶענֶעם לִיבּ גֶעהַאט, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעהַאט אִין הַארְץ אוֹיף יֶענֶעם קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, "כִּי הָיָה רַק כֻּלּוֹ טוֹב מַמָּשׁ", וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק גוּטְס.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט תַּאֲוַת אֲכִילָה אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע תַּאֲווֹת. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שָׁם, אוֹת טז) וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? "וְהָיָה צוֹעֵק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְאֹד", עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַד שֶׁזָּכָה לְהִתְגַּבֵּר עַל יִצְרוֹ וּלְהִנָּצֵל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרָע אוּן וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

יֶעצְט אַז דוּ גֵייסְט שׁוֹין בַּר מִצְוָה הָאבְּן, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ 'שִׁבְחֵי הָרַ"ן' אוּן אוֹיךְ 'סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק' פוּן אוֹת כח בִּיז קכא; דִי אוֹתִיּוֹת זֶענֶען אִין קוּרְצְן צַאמְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס יָארְן, פוּן דִי זֶעקְס יָאר - בִּיז וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן; אַלֶעס דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג; זוּךְ אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר מוֹדֶה צוּ זַיין וֶוען דוּ הָאסְט עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט גֶעטוּן; וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין וואוֹיל;

**וָואס זָאל אִיךְ טוּן? דֶער יֵצֶר הָרָע לָאזְט מִיר נִשְׁט, עֶס אִיז מִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער".**

**אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן טָאג אַיין, טָאג אוֹיס - וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דוּ וֶועסְט וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ הוֹיבְּן זִיךְ זַאכְן אָן צוּ רוּקְן בַּיי מִיר צוּ גוּטְנְס בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם נָאךְ פוּן אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר, אַז אִיךְ קֶען זִיךְ נִשְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן אִין מִקְוֶה, אִיךְ וֶוער מַמָשׁ מְשׁוּגָע פוּן דֶעם, פוּן אֵיין זַייט וָואלְט אִיךְ אֲפִילוּ אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה בִּכְלַל, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייס אִיךְ דָאךְ אַז עֶס אִיז יָא אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דֶער פְּרָאבְּלֶעם וֶועט אַוֶועקְגֵיין, אָבֶּער דֶערְוַוייל מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ נָאכְאַלְץ מִיט דֶעם. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ נִשְׁט גֶעטוּן קַיין עֲבֵירוֹת, קֵיינֶעם נִשְׁט אָנְגֶערִירְט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיף אַ שְׁלֶעכְטֶע וֶועג, אָבֶּער דִי אוֹיגְן קֶען אִיךְ זִיךְ נִשְׁט הִיטְן.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פְרֶעגְן: "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה, עֶס אִיז דָא צַייטְן וָואס עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיפְצוּהֶערְן טוּן וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעווּאוֹינְט צוּ טוּן?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קי): "עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס אַז מֶען קֶען נִישְׁט, אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַ בְּחִירָה, אוֹיב מֶען ווִיל - טוּט מֶען עֶס, אוּן אַז מֶען ווִיל נִישְׁט - טוּט מֶען נִישְׁט". זָאגְט רֶבִּי נָתָן (שָׁם): "אִיךְ הָאבּ מִיר פַארְצֵייכְנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, ווַייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי קַשְׁיָא, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעווּאוֹינְט צוּ טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז זֵיי מֵיינֶען עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה אוּן קֶען אוֹיפְהֶערְן טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים".

אַז דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין בִּזְיוֹנוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן יד): "מִי שֶׁעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת", וֶוער עֶס הִיט זִיךְ זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס - דוּרְכְדֶעם וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן בִּזְיוֹנוֹת, אוּן אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן - וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם פַארְשֶׁעמְט, ווַייל אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן אַלֶע זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דִי אוֹיגְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ב, י): "עֵינָא וְלִבָּא, תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַּחֲטָאָה אִינוּן", דִי אוֹיגְן אוּן הַארְץ זֶענֶען דִי מֶעקְלֶערְס פַארְ'ן יֵצֶר הָרָע, דָאס מַאכְט מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם פַארְשֶׁעמְט, מַמָּשׁ ווִי דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן דש), מֶען בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם: "אַל תְּבִיאֵנִי לֹא לִידֵי נִסָּיוֹן וְלֹא לִידֵי בִּזָּיוֹן", בְּרֶענְג מִיר נִישְׁט צוּ קַיין נִסְיוֹנוֹת אוּן נִישְׁט צוּ קַיין בִּזְיוֹנוֹת, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן", אוֹיב עֶס וֶוערְט אוֹיס נִסָּיוֹן וֶוערְט מֶען פַארְשֶׁעמְט.

אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין מִקְוֶה זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה, בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הִיט מִיר מַיינֶע

**אויגן, היט מיר מַיין מַחֲשָׁבָה; אִיךְ זָאל נִישְׁט קוקן קַיין שְׁלֶעכְטְס און נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין שְׁלֶעכְטְס״.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## זָאל אִיךְ וַוייטֶער גֵיין הֲפָּצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען הֲפָּצָה מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים "גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן", וָואס רֶעדְט פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, און אֵיינֶער הָאט מִיר בַּאוואשְׁן פַארְוָואס אִיךְ גֶעב דָאס פַּאר קִינְדֶער. ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיב דָאס אִיז גֶערֶעכְט, טָאר מֶען טַאקֶע נִישְׁט גֶעבְּן דִי סָארְט קוּנְטְרֵסִים פַּאר קִינְדֶער?

אוֹיךְ וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן בִּכְלַל וֶועגְן הֲפָּצָה, אִיךְ שִׁיק מַיינֶע קִינְדֶער אִין אַ חֵדֶר דָא בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט, און אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז מֶען וֶועט חוֹזֶק מַאכְן פוּן זֵיי אִין חֵדֶר אַז זֵייעֶר טַאטֶע גֵייט הֲפָּצָה, אָדֶער וֶועט מֶען זֵיי גָאר פַארְשִׁיקְן פוּן חֵדֶר וַוייל אִיךְ גֵיי הֲפָּצָה, און דָאס הַאלְט מִיר אָפּ פוּן וַוייטֶער טוּן הֲפָּצָה נָארְמַאל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק בְּתִקּוּן הָעוֹלָם, דוּ פַארְשְׁפְּרֵייסְט דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה און מְפַרְסֵם דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה. מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֲפָּצָה; מִיט יֶעדֶע קוּנְטְרֵס, סֵפֶר און גִלְיוֹן וְכַדוֹמֶה וָואס מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט - בְּרֶענְגְט מֶען נֶענְטֶער דִי גְאוּלָה.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, טוּ דֶעם רֶבִּינְ׳ס ווִילְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם. דֶער

רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט אוּן אָנְגֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן טוּן הַפָּצָה, אוֹיךְ הָאט עֶר פַארְשֶׁעמְט דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הֲפָצָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): "פַּעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת", אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת, "עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלוֹ", וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן מִיט נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, "וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה, הַיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, "וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", 'טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער' - הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער - מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ גֶעבְּן פַּאר קִינְדֶער וְכוּ'; וֶוען אַ קִינְד קוּמְט צוּם טִיר מִיט צְדָקָה זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "פְּרֶעג דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיבּ זֵיי ווִילְן אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה", אוּן אַז דֶער קִינְד קוּמְט צוּרִיק זָאגְן: "מַיינֶע עֶלְטֶערְן דַארְפְן דִי מַתָּנָה", - זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן וָואס דוּ פַארְשְׁפְּרֵייסְט, אַזוֹי וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ הָאסְט מוֹרָא, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֵיין הֲפָצָה וֶועט מֶען טְשֶׁעפֶּען דַיינֶע קִינְדֶער; דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם, שׁוֹמֵר מִצְוָה לֹא יֵדַע דָּבָר רָע (קֹהֶלֶת ח, ה), פוּן מִצְווֹת קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין שְׁלֶעכְטְס; אִין דִי זְכוּת וָואס דוּ בְּרֶענְגְסְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ זִיךְ הֵיילְן מִיט נַאטִירְלִיכֶע מִיטְלֶען?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל פְרֶעגְן אויב מֶען מֶעג גֵיין צוּ אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הֵיילְן דורְךְ פַארְשִׁידֶענֶע נַאטִירְלִיכֶע עֶנֶערְדְזִשִׁי מִיטְלֶען.

דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז בַּאוואוּסְט אַ זַאךְ וָואס הֵייסְט "מֹחַ אֶחָד", מֶען טַאפְּט דִי מוּסְקְלֶען בִּשְׁעַת מֶען פְרֶעגְט דֶעם פַּאצִיֶענְט זַאכְן וֶועגְן אִים, און דֶער הֵיילֶער שְׁפִּירְט ווִי אַזוֹי דִי מוּסְקְלֶען רֶעאַגִירְן.

אִיךְ וֵייס פוּן אַ צְווֵייטְן וָואס הֵיילְט מִיט דִי הֶענְט, עֶר זָאגְט אָבֶער כְּסֵדֶר אַז אַלֶעס אִיז פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז נָאר אַ שָׁלִיחַ. עֶר קֶען זָאגְן גְלַייךְ וָואס דִי מַחֲלָה אִיז, און דֶער שׁוֹרֶשׁ דֶערְפוּן.

נָאךְ אַ מִיטְל אִיז דָא מִיטְ'ן נָאמֶען "בַּאךְ פְלַאהֶער רֶעמֶעדִיעֶס", מֶען לֵייגְט נֶעבְן דֶעם גוּף וִויטַאמִינֶען, הֶערְבְּס, אָדֶער מֶעדִיצִינֶען, און מֶען פִילְט צִי עֶס אִיז גוּט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

און אַזוֹי וַוייטֶער אִיז דָא נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט אַזֶעלְכֶע מִיטְלֶען צוּ הֵיילְן. וויל אִיךְ וִויסְן אַזוֹי ווִי עֶס זֶענֶען דָא רַבָּנִים וָואס זָאגְן אַז דָאס אִיז כִּישׁוּף, און אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, וויל אִיךְ וִויסְן צִי מֶען מֶעג גֵיין צוּ זֵיי זִיךְ צוּ הֵיילְן פוּן אַ פִיזִישֶׁע אָדֶער נַפְשִׁיוּת'דִיגֶע קְרֶענְק.

אִיךְ וֵייס פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס טַעְנָה'ן אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוְוארְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן קְרַאנְקְהֵייטְן דוּרְךְ דִי סָארְט זַאכְן.

וָואס הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נַארִישְׁקֵייטְן; אַ שָׁאד זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן מִיט דִי אַלֶע זַאכְן, אַ שָׁאד דִי צַייט און אַ שָׁאד דִי גֶעלְט.**

**אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער וֶועג וַוייזֶער; דִי אַלֶע נֵייעֶ זַאכְן, חֲדָשִׁים מִקָּרוֹב בָּאוּ - דָאס אִיז נִישְׁט דֶער וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, דָאס אִיז אַלֶעס דִמְיוֹנוֹת און חֲלוֹמוֹת.**

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי זַאכְן; גֵיי אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי צַדִיקִים, אִין דִי פִּיס טְרִיט פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת. אַז מֶען הָאט גֶעהַאט אַ סָפֵק ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן הָאט מֶען גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדוֹרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ וְלֹא נָבִיא, לֹא כֹּהֵן וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבָד", אִין אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת וֶוען מִיר זֶענֶען אִין גָלוּת, אָן קַיין קֶענִיג, אָן קַיין נָבִיא, אָן קַיין כֹּהֵן גָּדוֹל אוּן אָן קַיין אוּרִים וְתוּמִים, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אוּנְז, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם נֶעם אָן זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ - וֶועסְטוּ זֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע פְּרַט.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג נָאכְזָאגְן פוּנֶעם חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט צִי הַיינְט אִיז דָא דִי אוּרִים וְתוּמִים, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מַיין אוּרִים וְתוּמִים אִיז דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ; וֶוען אִיךְ דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן קוּק אִיךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ".

דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען פוּסְטֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

ווֹאוּיל אִיז דֶעם וָואס נַארְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דִי אַלֶע חֶזְיוֹנוֹת, חֲלוֹמוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלְס מְלַמֵּד, מֶעג אִיךְ פָּארְן אִינְמִיטְן זְמַן קַיין אוּמַאן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ כִּתָּה א' מְלַמֵּד, אִיךְ הָאבּ חֵשֶׁק צוּ פָּארְן מִיט מַיין ווַייבּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס

צִיוּן, עֶרְגֶעץ וואוּ אִינְמִיטְן דִי יָאר. דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיב אִיךְ מֶעג דָאס טוּן אִינְמִיטְן זְמַן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, אוּן הַדְרָכָה פַאר מְלַמְּדִים, אִיךְ וֵוייס בֶּאֱמֶת נִישְׁט ווִי אַזוֹי מְלַמְּדִים גֶעבְּן זִיךְ אַן עֵצָה אָן דֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה; דוּ בְּרֶענְגְסְט צְוֵויי זַאכְן וָואס יֶעדֶע אֵיינֶע פוּן זֵיי אִיז דִי חָשׁוּבְ׳סְטֶע זַאךְ.

וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען דַארְף עֶנְטְפֶערְן "אַוַודַאי פָארְן" - אָן קַיין שׁוּם שְׁאֵלָה נִישְׁט; ווִידֶער וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן מְלַמְּדוּת, וָואס אִיז דָא גְרֶעסֶערְס פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער? דָאס אִיז דָאךְ פוּן דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בְּהֶבֶל פִּיהֶם שֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט דָאךְ נָאר אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן; נָאךְ מֶער, וֶוען מָשִׁיחַ קוּמְט יֶעצְט אוּן בֶּעט דִי מְלַמְּדִים זָאלְן אִים קוּמֶען הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס מִיר וַוארְטְן שׁוֹין דֶערוֹיף אִיבֶּער צְוֵויי טוֹיזְנְט יָאר - טָארְן מְלַמְּדִים נִישְׁט גֵיין הֶעלְפְן, דִי מְלַמְּדִים דַארְפְן בְּלַייבְּן אִין חֶדֶר מִיט דִי קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (שַׁבָּת, שָׁם); אִיז וֶוען מֶען לֵייגְט צַאם בֵּיידֶע, אִיז דָאס אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה.

פְרֶעג דֶעם מְנַהֵל בַּיי דִיר אִין מוֹסָד אוֹיב דוּ קֶענְסְט שְׁטֶעלְן אַ בִּמְקוֹם; רֶעכְן אוֹיס אַ צַייט וָואס דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט פַארְלִירְן פוּן דִי לִימוּד וְכוּ׳, דֶער בִּמְקוֹם וֶועט דַאוֶוענֶען מִיט זֵיי, לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי פַּרְשָׁה אוּן חַזֶרְ׳ן מִיט זֵיי אַבִּיסְל עִבְרִי, אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען אַרִיבֶּערְכַאפְּן צוּם צִיוּן הַמְּצֻיֶּנֶת, קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים - זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע תִּיקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד וֵויינְט אַסַאךְ בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין טָאכְטֶער, דְרַיי יָאר אַלְט, וֶועקְט זִיךְ אוֹיף כִּמְעַט יֶעדֶע נַאכְט אוּן וֵויינְט גָאר אַסַאךְ, בִּיז מֶען קֶען אִיר עֶנְדְלִיךְ בַּארוּאִיגְן זִי זָאל צוּרִיק אַיינְשְׁלָאפְן בִּיז אִינְדֶערְפְרִי, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיפְצוּשְׁטֵיין יֶעדֶע נַאכְט נָאכְאַמָאל. ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר הֶעלְפְן שְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג דִי גַאנְצֶע נַאכְט?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ קִינְד פוּן אַ הַאלְבּ יָאר אַלְט, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ, דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ לוֹיטְ'ן רֶבִּי'ן טָאר אִיךְ אִים נִישְׁט קוּשְׁן, נָאר זִיךְ מֶער דֶערְוַוייטֶערְן פוּן אִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין קִינְד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף בַּיינַאכְט אוּן וֵויינְט - זָאלְסְטוּ מִיט וֵויינֶען מִיטְ'ן קִינְד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים ווִילְן דָאךְ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, מֶען זָאל זָאגְן בַּיינַאכְט תִּיקּוּן חֲצוֹת; וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועקְן זִיךְ אוֹיף אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, קֶען מֶען דֶעמָאלְט מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַ סְגוּלָה פַאר בַּעֲלֵי בַּתִּים וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט אַרַיין אַיינְקוֹיפְן, אַז מֶען זָאל נֶעמֶען אַ סֵפֶר, אַ מִשְׁנַיוֹת וְכַדוֹמֶה אִין אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען - וֶועט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זִיכֶער מַאכְן עֶס זָאלְן קוּמֶען מֶענְטְשְׁן אַיינְקוֹיפְן, אַבִּי מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען. דָאס זֶעלְבֶּע

זָאג אִיךְ דִיר, אַז דַיין קִינְד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף בַּיינַאכְט, עֶס וֵויינְט אוּן וִויל נִישְׁט צוּרִיקְגֵיין שְׁלָאפְן - זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מִיט וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין צָרוֹת; בֶּעט מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען אוּן אוּנְז צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דַיין קִינְד שְׁנֶעל אַיינְשְׁלָאפְן, אַבִּי דוּ זָאלְסְט שׁוֹין אוֹיךְ צוּרִיק גֵיין שְׁלָאפְן.

בְּנוֹגֵעַ קִישְׁן קִינְדֶער; דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד קִישְׁט מֶען נִישְׁט, אוּן אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט"; אָבֶּער דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דָאס מֵיינְט מֶען וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוּנְטֶער, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי מֶען זָאל צֶערְטְלֶען דִי קִינְדֶער; וַוייל וִוי מֶער מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם קִינְד אוּן מֶען צֶערְטְלְט אִים, שְׁלָאגְט מֶען דָאס קִינְד וֶוען עֶס אִיז לֶעבֶּעדִיג אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## דֶעם וָואס אַנְטְלוֹיפְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת צַו, ח׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נָאר פְרֵיילִיךְ, שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט הַצְלָחָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב׳, סִימָן א): ״מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ״, וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ - אִיז מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן; אַז דוּ ווילְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, זִיץ אִין דַיין ווִינְקְל מִיט אַ דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן; מֶען לוֹיפְט אַהֶער, מֶען לוֹיפְט אַהִין, מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וואוּ מֶען לוֹיפְט אוּן פַארְוָואס מֶען לוֹיפְט; ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס אַנְטְלוֹיפְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זִיצְט זִיךְ אִין זַיין ווִינְקְל, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, אַ גוּט לֶעבְּן, אַ זִיס לֶעבְּן.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם; קֵיינֶער קֶען דִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חוּלִין ז:): ״אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה״, מֶען צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דִי פִינְגֶער, ״אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה״, נָאר אַז מֶען רוּפְט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל; גָארְנִישְׁט קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן נָאר אַז מֶען רוּפְט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל.

מָארְגְן עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶכֶת פְּסָחִים; הַלְוַאי וָואלְסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי׳ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו) וָואלְסְטוּ אוֹיךְ גֶעקֶענְט מְסַיֵים זַיין מָארְגְן מַסֶכֶת פְּסָחִים; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיט מַסֶכֶת שְׁקָלִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ יֶענֶעם צוּ זָאגְן וואוּ צוּ וואוֹינֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת צַו, ח׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַייעֶר פְרַאגֶע אִיז נִישְׁט קְלָאר, עֶס אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט דְרֵיי זַאכְן; אֵיינְס דִי דִירָה וָואס אִיר הָאט גֶעזֶען אִיז קְלֵיין, צְוֵויי, דִי בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט פוּן הָאבְּן גֶעשֶׁעפְטְן צוּ דִי הַאנְט וְכוּ׳, דְרִיטְנְס, דִי רוּאִיגְקֵייט וְכוּ׳.

אִיר פְרֶעגְט אוֹיבּ אִיר זָאלְט וַוארְטְן אוֹיף אַ גְרֶעסֶערֶע דִירָה; דָאס פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט, וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיר וֶועט וַוארְטְן עֶס זָאל אַרוֹיפְקוּמֶען אַ גְרֶעסֶערֶע דִירָה אִין שְׁטֶעטְל, וֶועט אִיר נָאכְאַלְץ הָאבְּן דִי זַאךְ אַז אִין שְׁטָאט אִיז גְרִינְגֶער מִיט גֶעשֶׁעפְטְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי צְוֵוייטֶע פְּרָאבְּלֶעם, אַז עֶס אִיז צוּ רוּאִיג וְכוּ׳.

אִיךְ וֶועל אַייךְ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דִי שְׁאֵלָה; בִּכְלַל אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ יֶענֶעם צוּ זָאגְן וואוּ צוּ וואוֹינֶען, דָאס וֶועט אִיר אַלֵיינְס דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וואוּ זָאל אִיךְ וואוֹינֶען? וואוּ זָאל אִיךְ גֵיין? אִיז מִיר בֶּעסֶער צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט אָדֶער זָאל אִיךְ גֵיין אִין שְׁטֶעטְל?״ בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ עֶנְטְפֶערְן אוּן אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּם פְּלַאץ וואוּ אִיר דַארְפְט וואוֹינֶען.

דָאס אִיז דִי מַתָּנָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; הִתְבּוֹדְדוּת קְלָארְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן, הִתְבּוֹדְדוּת מַאכְט רוּאִיג, עֶס וֶוערְט זֵייעֶר קְלָאר וָואס

מֶען הָאט צוּ טוּן.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע סְפֵיקוֹת, אַלֶע בִּלְבּוּלִים אוּן אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת; וֶועט עֶר וִויסְן אִין יֶעדְן פַאל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטוּל תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת צַו, ח' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען מֶעג בֶּעטְן דֶעם מַאן זָאל הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב, אַז מֶען בֶּעט דֶעם מַאן עֶר זָאל הֶעלְפְן אִיז דָאס נִישְׁט בִּיטוּל תּוֹרָה; אִיר זֶענְט נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין תּוֹרָה מִיט דֶעם וָואס אִיר בֶּעט אִים הִילְף.

עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן לֶערְנֶען אוּן אוֹיךְ אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן מְקַיֵּים זַיין וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה; וֶוען מֶען הֶעלְפְט אִין שְׁטוּב, מֶען צִיט אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער שְׁטוּב - אִיז דָאס אוֹיךְ תּוֹרָה, עֶס אִיז קִיוּם הַתּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי גְרֶעסְטֶע חִינוּךְ אִיז וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל וִוי טַאטֶע מַאמֶע פִירְן זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּפְרַט דִי לִיכְטִיגֶע סְפָרִים

פון מוֹהֲרָא"ש, די זִיסֶע בְּרִיוּו פון סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

וֶוער עֶס מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט, דֶער ווִיל גָארְנִישְׁט, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה) ווֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן פון זַיין עֶסְן הָאבְּן זֵיי אַוֶועק גֶעוָוארְפְן זֵייעֶר גַאנְצֶע תַּאֲוֹת הַמָּמוֹן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שֶׁעמֶען פון זֵייעֶר גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז דָאס אִיז צוֹאָה וְכוּ'; קוּק נָאךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה דָארְט.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט יֶעצְט ווֶוען מֶען אִיז אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן אוֹיסְרוֹימֶען דִי חָמֵץ און מִיטְ'ן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב, טָאר מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן פון דִי קִינְדֶער. מֶען דַארְף זֵיי וַוייזְן ווִי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חִינוּךְ; ווֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בֵּיישְׁפִּיל ווִי טַאטֶע מַאמֶע פִירְן זִיךְ, ווִי טַאטֶע מַאמֶע פַארְלִירְן זִיךְ נִישְׁט אִין דִי עֶרֶב יוֹם טוֹב זְמַנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער בְּלַאט גְמָרָא זָאל זַיין בַּיי דִיר אַזוֹי ווִי לֵייגְן טַלִית און תְּפִילִין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרָשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוּו.

הַיינְט זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים מַסֶּכֶת פְּסָחִים; אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז, מִזְּבוּב וְעַכְבִּישׁ) דֶער בַּארְג הָאט גֶעזָאגְט צוּם קֶענִיג: "ווִי לַאנְג דֶער בְּלַאט אִיז אוֹיף דִיר מֵגֵן דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פון קֵיינֶעם; אוֹיף מִיר שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן מִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן, אָבֶער זֵיי קֶענֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן וַוייל דֶער בְּלַאט בַּאשִׁיצְט מִיר"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַף

גְמָרָא, וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא - וֶוערְט מֶען בַּאשִׁיצְט, עֶס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

נִישְׁטָא וואוּ צוּ לוֹיפְן, נָאר צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה, וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן; וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה הִיט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, ד): "כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בְּכָל יוֹם תָּמִיד", אַ אִיד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, "בִּשְׁבִיל לְהַרְבּוֹת כְּבוֹד שָׁמַיִם", כְּדֵי צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֵינוֹ צָרִיךְ לֹא חֶרֶב וְלֹא חֲנִית וְלֹא כָּל דָּבָר שֶׁיִּהְיֶה לוֹ שׁוֹמֵר", דַארְף נִישְׁט הָאבְן אַ שְׁוֶוערְד אָדֶער אַ פַאנְצֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, "אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשַׁמְּרוֹ בְּעַצְמוֹ", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הִיט אִים.

דֶער בְּלַאט גְמָרָא זָאל זַיין בַּיי דִיר אַזוֹי וִוי לֵייגְן טַלִית אוּן תְּפִילִין. מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן הַגָּאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, זוּן פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (הוּבָא בְּסוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין), אַז אַ דַף גְמָרָא דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיים מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי מֶען טוּט אָן תְּפִילִין. בְּנוֹסָף לָזֶה זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פַאר יֶעדְן יוֹם טוֹב דִי מַסֶכְתָּא וָואס הָאט מִיט'ן יוֹם טוֹב; יֶעצְט וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרַיין אִינֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן דִי סְפִירָה טֶעג אַ בְּלַאט פוּן מַסֶכֶת סוֹטָה אוּן אַ בְּלַאט פוּן מַסֶכֶת שְׁבוּעוֹת אוּן דָאס מְסַיֵים זַיין אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

עֶס זֶעט אוֹיס אַסַאךְ, עֶס זֶעט אוֹיס שְׁוֶוער; גְלֵייבּ מִיר עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער, מֶען דַארְף נָאר וֶועלְן; אֵיינְמָאל מֶען וִויל, אֵיינְמָאל מֶען אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה - נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריִקְייטְן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ג, ה): "כָּל הַמְקַבֵּל עָלָיו עֹל תּוֹרָה", וֶוער עֶס נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דֶעם יָאךְ פוּן תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים אַזוֹי וִוי אַ עוֹל, עֶס אִיז אִים אִין אָנְהֵייבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער - דָאךְ

גְעוואוּנְט עֶר זִיךְ צוּ, עֶר לֶערְנְט, "מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עֹל מַלְכוּת וְעֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ", נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע פְּחָדִים, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, נִישְׁט פוּנֶעם מַלְכוּת אוּן מֶען הָאט נִישְׁט דֶעם עוֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל הָאבְּן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; עֶנְטְפֶער נִישְׁט, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אָפְּקוּמֶען אַלֶעס. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן, מֶען זָאל שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט, נִישְׁט וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן; מֶען זָאל שְׁוַוייגְן אֲפִילוּ מֶען הָאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", דֶער עִיקָּר תְּשׁוּבָה אִיז מֶען זָאל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִּי בִּזְיוֹנוֹת נֶעמֶען אַוֶועק אַלֶע דִּינִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

מַזָל טוֹב פַאר דִּי סִיּוּם מַסֶּכֶת תַּעֲנִית מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד! דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, צוּ זֶען וִוי פְלַייסִיג דוּ לֶערְנְסְט, וִוי דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶענוּצְט דַיינֶע טֶעג אִין יְשִׁיבָה; יֶעצְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען נָאךְ אַ מַסֶּכְתָּא, דָאס לֶערְנֶען אוּן חַזֶר'ן מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד.

וֶוער נִישְׁט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִּי בִּזְיוֹנוֹת וְכוּ', מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן פוּן דִּי אַלֶע וָואס מַאכְן וֶוערְטְלֶעךְ אוֹיף דַיין חֶשְׁבּוֹן; דָאס אִיז דִּיר אַ שְׁטַארְקֶע טוֹבָה, עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע דִּינִים, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגְן. וִוי נִישְׁט וִוי בִּיסְטוּ יוּנְג אוּן עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערֶע פוּן דִּיר וָואס הָאבְּן קִנְאָה, דָאס וָואלְט

גֶעקֶענְט שָׁאטְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא דִי בִּזְיוֹנוֹת וֶוערְן אַלֶע דִינִים בָּטֵל.

לֶערְן דִי מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקֶענְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נָאר דוּרְךְ בִּזְיוֹנוֹת, וְהָבֵן.

...

## אַלֶע בּוֹדְקִים זָאלְן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן בַּיים זְכוּי הַפַּת פַארְ'ן עֵירוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע בּוֹדְקִים פוּנֶעם עֵירוּב אַז אִיךְ וֶועל מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַאכְן דִי עֵרוּבֵי חֲצֵרוֹת, זְכוּי פַּת פַארְ'ן עֵירוּב אִין שְׁטֶעטְל - עֶרֶב שַׁבָּת הַגָּדוֹל, עֶרֶב פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי, גְלַייךְ נָאךְ שַׁחֲרִית בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ; אִיךְ ווִיל אַז אַלֶע בּוֹדְקִים זָאלְן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַייךְ אַלֶע פַאר אַייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט וָואס אִיר גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק יֶעדֶע וָואךְ בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב אַרוּם דֶעם שְׁטֶעטְל.

זֶעט צוּ זַיין פּוּנְקְטְלִיךְ וַוייל אִיךְ פָאר אַריין אִין שְׁטָאט בַּאקְן עֶרֶב פֶּסַח מַצּוֹת.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט וֶועלְן מִיר הָאבְן אַ מַצָּה בֶּעקֶערַיי אִין שְׁטֶעטְל.

...

## גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דוּ וואוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, דוּ הָאסְט דָאךְ אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ פֶּעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיסְנוּצְן דִי פְּלַאץ מִיט גוּטֶע זַאכְן.

גֵיי הִינְטֶער דַיין שְׁטוּבּ פַאר גֶעצֵיילְטֶע מִינוּטְן יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי אוּן מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ.

...

## זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שוּם זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ קֶען דִיר אֵיין זַאךְ זָאגְן, וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער פָּארִיגֶע וָואךְ וְכוּ׳ - וֵוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן אֵיין זַאךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַ טִפָּה מִן הַיָּם וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיטְגֶעמַאכְט אַלֶע יָארְן אִין יַבְנְאֵל. אִיךְ דֶערְצֵייל עֶס נִישְׁט קֵיינֶעם אָבֶּער דִיר שְׁרַייבּ אִיךְ עֶס, וַוייל דוּ הַאלְסְט מִיט שְׁטִילֶערְהֵייט וָואס טוּט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ טוּן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר קַיין שוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיר זָאלְן טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט וָואס אִיךְ הָאבּ אִינְזִין גֶעהַאט בְּשָׁעַת וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער: ״סְקִילָה, שְׂרֵפָה, הֶרֶג וְחֶנֶק, אִיךְ בִּין גְרֵייט אוֹיף אַלֶעס; פַארְשְׁטֵיינֶערְט וֶוערְן, פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן וְכוּ׳ וְכוּ׳״.

זַיי מִתְפַּלֵּל פַאר מִיר; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר וַוייטֶער גֶעבְּן כֹּחַ - וֶועט אִיר אַלֶע הַנָאָה הָאבְּן.

...

## שִׁשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ, אִיךְ לֶערְן דִי זֶעקְס סְדָרִים מִשְׁנַיוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

הָאסְט מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט מִיטְ'ן זָאגְן דַיין סִיוּם, אַז דוּ הָאסְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי צֶענְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

פֶּסַח בַּיינַאכְט וֶוען אַלֶע וֶועלְן זִינְגֶען: "שִׁשָּׁה מִי יוֹדֵעַ", אַלֶע וֶועלְן פְרֶעגְן 'וֶוער וֵוייסְט דִי נוּמֶער זֶעקְס?' וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיסְשְׁרֵייעֶן: "שִׁשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ!" אִיךְ וֵוייס דִי נוּמֶער זֶעקְס, אִיךְ לֶערְן זֶעקְס, אִיךְ קֶען זֶעקְס; אִיךְ לֶערְן דִי זֶעקְס סְדָרִים.

... טֵייעֶרֶער, דֶערְהַאלְט זִיךְ, אִיךְ זֶע אִין דִיר אַן עָתִיד; אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק וַוייטֶער צוּ קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת - וֶועסְטוּ נָאךְ אַבִּיסְל חֲתוּנָה הָאבְּן.

אַלֶע לַאכְן: 'דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ הָאבְּן חֲתוּנָה יוּנְג'; זָאלְן אַלֶע לַאכְן, דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן לֶעבְּן; נוּ וָואס אַרְט דִיר אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ...

...

## מִיר זֶענֶען אַייךְ שְׁטַארְק מַכִּיר טוֹבָה פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיר הֶעלְפְט אוּנְז

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד אוּנְזֶער טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה; מִיר זֶענֶען אַייךְ שְׁטַארְק מַכִּיר טוֹבָה פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיר הֶעלְפְט אוּנְז מֵאָז וּמִקֶּדֶם, פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין אַרַיינְצוּגֵיין אִינֶעם יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה, שְׁפִּירְן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן יוֹם טוֹב אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְט, אוּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ, פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן צִי עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס גוּטֶע נַייעֶס בַּיי דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳. אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַּאר אִיר, זִי זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל. וִוי נָאר עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אַ גוּטֶע פַארְעֶנְדֶערוּנְג - זַיי מִיר מוֹדִיעַ, וַוייל אִיךְ נֶעם עֶס פֶּערְזֶענְלִיךְ; אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן גוּטֶע נַייעֶס.

שְׁטַארְק זִיךְ, פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת י.): ״אֲפִילוּ חֶרֶב חַדָּה מוּנַחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם״, אֲפִילוּ אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד לִיגְט אוֹיפְ׳ן הַאלְז, ״אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים״, זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן בֶּעטְן רַחְמָנוּת; וַוייל מֶען קֶען אַלְץ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

תְּפִלָּה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן רנ): ״הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע״, תְּפִלָּה טוּישְׁט דִי נַאטוּר.

מִיר גְלֵייבְּן אַלֶע אַז דִי מַצָּה וָואס מִיר עֶסְן יֶעצְט פֶּסַח, דָאס וֶועט אוּנְז הֵיילְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

## בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים דֶעם טֶעלֶעפָאן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיין לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

פַארְגֶעס נִישְׁט קַיין אֵיין רֶגַע דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר. דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען, הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַן אֵשֶׁת חַיִל; נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא מַתָּנָה.

זָאלְסְט הַאלְטְן טֵייעֶר און חָשׁוּב דִי מַתָּנָה; זֶע צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, זֶע צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר. פִּיר זִיךְ אוֹיף אִין שְׁטוּבּ אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה, פִּיר זִיךְ וִוי אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד.

בְּרֶענְג נִישְׁט אַהֵיים דֶעם טֶעלֶעפָאן, אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף עִקָּרִים בְּחַיִּים - תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

...

## גֵיי אַהֵיים צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיף פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הַאלְט דוּ זָאלְסְט יָא אַהֵיים גֵיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיף פֶּסַח; דוּ הָאסְט טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דַיין טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען זֵייעֶר אוֹיסְנַאם ווָאוֹילֶע מֶענְטְשְׁן - דַארְפְסְטוּ זַיין בַּיי זֵיי אוֹיף יוֹם טוֹב.

אִיךְ נֶעם נִישְׁט קַיין גֶעסְט אוֹיף פֶּסַח, אוֹיסֶער דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין עֶלְטֶערְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ.

אִיךְ זוּךְ זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן דִיר, דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב; אִיךְ זָאג דִיר וָואס אִיז רִיכְטִיג, דוּ וֶועסְט מִיר שְׁפֶּעטֶער אִין לֶעבְּן בַּאדַאנְקֶען.

...

## אוּנְזֶערֶע זַאכְן זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם רֵיחַ פוּן זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דֶער בְּלֶעטְל וָואס דוּ גֶעבְּסְט אַרוֹיס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, גֶעבּ נָאר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁרַייבְּן דִי נֶעמֶען וְכַדוֹמֶה אַזוֹי וִוי מֶען שְׁרַייבְּט עֶס אִין עִבְרִית; צוּם בֵּיישְׁפִּיל ... - זָאלְסְטוּ שְׁרַייבְּן גֶעהֶערִיג, נִישְׁט אַזוֹי וִוי זֵיי שְׁרַייבְּן דָאס.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז אוּנְזֶערֶע זַאכְן זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם רֵיחַ פוּן זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ.

נֶעם צַאם אַלֶע טִישְׁטֶעכֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן לֵייג דָאס אוֹיסְצוּאַוָואשְׁן; פֶּסַח נוּצְט מֶען נִישְׁט דִי טִישְׁטֶעכֶער פוּן אַ גַאנְץ יָאר.

אוֹיךְ דִי קֶעסְל קֶען מֶען נִישְׁט נוּצְן מֵחֲשַׁשׁ חָמֵץ, דַארְף מֶען אָנְגְרֵייטְן אַ נֵייעֶם קֶעסְל לְכָבוֹד פֶּסַח.

אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם הַיינְט נַאכְט אִין שְׁטֶעטְל זַיין מִיט עֶנְק אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב.

...

## טוּ תְּשׁוּבָה, גֵיי נִישְׁט אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע פְּלֶעצֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְטִיגֶע טֶעג וֶוען עֶס אִיז דָא טֶעכְנָאלָאגְיֶע קֶען מֶען אִין אֵיין רֶגַע וֶוערְן בַּאשְׁמוּצְט פַאר אַלֶעמֶען, וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער קוּמְט אֵיינֶער אוּן כַאפְּט אַ בִּילְד אוּן שִׁיקְט דָאס נָאר פַאר זַיין חַבֵר, אוּן חַבְרָא - חַבְרָא אִית לֵיהּ, בִּיז מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל דוּ שְׁטֵייסְט אִין שִׁידוּכִים אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיף דִיר אַז מֶען זֶעט דִיר לִיגְן בַּיים יַם צְוִוישְׁן גוֹיִם אוּן גוֹי׳טֶעס רַחֲמָנָא

לִצְלָן; וָואס טְרַאכְסְטוּ, אַן אֵיידֶעלֶע מִשְׁפָּחָה וָואס הֶערְט דָאס - וֶועט דִיר נֶעמֶען פַאר זֵייעֶר'ס אַ טָאכְטֶער?

טוּ תְּשׁוּבָה, גֵיי נִישְׁט מֶער צְוִוישְׁן גוֹיִם און גוֹי'טֶעס; עֶס אִיז דָא גֶענוּג און נָאךְ פְּלֶעצֶער בַּיים יַם וואו עֶס אִיז דָא זוֹיבֶּערְקֵייט.

...

### וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין מִיט דִי קַמֵיעַ פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וִוי אַזוֹי צוּ גֵיין מִיט דִי קַמֵיעַ פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ; גֵיי נִישְׁט מִיט אַ קֵייטְל. בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן נִישְׁט מִיט קַיין קֵייטְל אַרוּם דִי הַאלְז, לֵייג עֶס אוֹיפְ'ן שְׁלִיסְל הַאלְטֶער אָדֶער הַאלְט דָאס אִין טַאשׁ.

אַ קֵייטְל אִיז גֶעמַאכְט פַאר פְרוֹיעֶן; פְרוֹיעֶן און מֵיידְלֶעךְ קֶענֶען טְרָאגְן דִי קַמֵיעַ אוֹיפְ'ן קֵייטְל.

זַיי שְׁטַארְק צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

...

### תְּהִלִּים אִיז אַן אוּנְטֶערְלַיינֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים, אִיר הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת דִי נַיין און זִיבֶּעצִיגְסְטֶע מָאל תְּהִלִּים; דָאס וֶועט מִיט גֵיין מִיט אַייךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן, דָאס וֶועט אַייךְ אוּנְטֶערְלַיינֶען; דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז תְּהִלִּים אִיז אַן אוּנְטֶערְלַיינֶער אוֹיף וָואס מֶען קֶען זִיךְ גוּט

אָנְלַיינֶען.

אַייעֶר מַאמֶע שְׁרַייבְּט מִיר אַז זִי אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעטמֶען פוּן דִי חִינוּךְ וָואס אִיר הָאט גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצֶע זְמַן אִין בֵּית פֵיגָא; אִיר הֶעלְפְט, אִיר זֶענְט פְרֵיילִיךְ אוּן אִיר מַאכְט אַלֶעמֶען פְרֵיילִיךְ.

בְּנוֹגֵעַ אַ שִׁידוּךְ; אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן שְׁרַייבְּן מִיר כְּסֵדֶר אַז זֵיי ווילְן שׁוֹין זֵייעֶר אִיר זָאלְט אַ כַּלָּה וֶוערְן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל שׁוֹין אוּנְטֶערְקוּמֶען אַייעֶר שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן פוּן צֶעבְּרֶעכְן דַיין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת צַו, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אוֹיף דִי וֶועלְט פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם; נִישְׁטָא קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס הָאט נִישְׁט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם פְּרַט, גֶעגֶעבְּן מְשָׁלִים אוּן גֶעוִויזְן אוֹיף דִי אַלֶע וֶועמֶען מֶען אִיז מְקַנֵּא - וִוי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט יְסוּרִים, יֶעדֶער אָן אוֹיסְנַאם (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיט).

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט וֶוען דַיין וַוייבּ טְשֶׁעפֶּעט דִיר; וֶוער נִישְׁט בֵּייז אוֹיף אִיר, טְרַאכְט נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּב. טְרַאכְט אוּן זוּךְ אוֹיף אִין אִיר גוּטֶע נְקוּדוֹת. גֵיי אִין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרָא״ש אוּן רֶבִּי נָתָן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט וֶוען עֶס אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת: ״עֶס אִיז נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים״; זֵיי הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוּן גֶע׳חָלוֹמְ׳ט

ווי עֶר איז אוֹיבְן אין הימְל און מֶען פירְט אים אַריבֶּער די טִירְן פון גֵיהִנוֹם, עֶס הָאט אים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁרֶעק און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "גֶעוַואלְד! רַאטֶעוֶועט! טְרָאגְט מִיר אַוֶועק פון דָא!" בּיז עֶס איז גֶעקוּמֶען צוּ פְלִיעֶן אַ מַלְאָךְ און אים גֶעפְרֶעגְט: "זוּשָׁא, וָואס שְׁרֵייסְטוּ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ צִיטֶער און אִיךְ שְׁרֶעק זִיךְ פון די בִּיטֶערֶע שְׁטְרָאפְן וָואס קוּמֶען פָאר דָא אוֹיבְן אין גֵיהִנוֹם", הָאט אים דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "נֵיין זוּשָׁא, דָאס איז נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ גֶענֶענְדְל, דוּ קוּמְסְט אַלֶעס אָפּ אוּנְטְן".

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר' זוּשָׁא פְלֶעגְט לַיידְן פון זַיין וַוייבּ גֶענֶענְדְל; זי פְלֶעגְט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אים, וֶוען זי איז גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז הָאט זי אים גֶעזִידְלְט און גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ פון דֶער וֶועלְט"; זי הָאט אים גֶעגֶעבְן צוּ שְׁפִּירְן ווי עֶר איז דֶער עֶרְגְסְטֶער, עֶרְגֶער פון אים איז נִישְׁטָא.

וֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט פוּנֶעם חָלוֹם הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: 'הַלְוַואי זָאל מַיין וַוייבּ גֶענֶענְדְל שְׁרֵייעֶן נָאךְ אוֹיף מִיר; אוֹיבּ קוּם אִיךְ אָפּ מִיט די צַעַר און די עוֹנְשִׁים פון גֵיהִנוֹם - איז מִיר דָאס כְּדַאי'.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר דִיר; אִיךְ וֵויין מִיט דִיר. אִיךְ וֵוייס וָואס דוּ גֵייסְט אַלְץ אַרִיבֶּער, אִיךְ וֵוייס פּוּנְקְטְלִיךְ דַיינֶע לַיידְן, דָאךְ זָאג אִיךְ דִיר אַז עֶס איז אַלֶעס כְּדַאי. חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן פון צֶעבְּרֶעכְן דַיין שְׁטוּבּ; וֶוען אִיךְ זָאג דִיר און אִיךְ בִּין דִיר מְחַזֵק דוּ זָאלְסְט הִיטְן דַיין שָׁלוֹם בַּיִת - מֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אִיךְ וֵוייס זֵייעֶר גוּט, וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר ווי אַ קִינְד; דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, קוּק און זוּךְ אין אִיר נָאר גוּטְס, און וֶוען עֶס איז גָאר בִּיטֶער זָאלְסְטוּ גֵיין אין אַ זַייט און שְׁרֵייעֶן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס איז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ קֶען נִישְׁט; מַיין וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט אוֹיף מִיט אִירֶע טַעֲנוֹת, זי הָאט נָאר טַעֲנוֹת, זי הָאט נָאר חֶסְרוֹנוֹת אוֹיף מִיר; אִיךְ גֶעבּ אִיר אַלֶעס, אִיךְ רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין און אַז אִיךְ מַאךְ אַ קְלֵיינֶע טָעוּת - איז שׁוֹין עֶק

**וֶועלְט; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן".**

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט; אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דִי זִיבְּן וַואסֶערְן זֶענֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן שׁוֹין יָארְן צוּרִיק אַז דִי זִיבְּן וַואסֶערְן זֶענֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, זֶעט אוֹיס אַז אִיךְ דַארְף נָאךְ אַסַאךְ פַארְעֶכְטְן, וַוייל אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער יֶעצְט גָאר גְרוֹיסֶע תִּיקוּנִים. אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט אַרַיינְגֵיין צוּם יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה הִיט אָפּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע אַז דִי הֲכָנוֹת צוּם יוֹם טוֹב זָאלְן צוּגֵיין מִיט שִׂמְחָה; עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם וֶוען עֶס גֵייט צוּ מִיט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵייליךְ.

דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (הוּבָא בִּבְאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִים סִימָן תמז, סְעִיף קָטָן א): "הַנִזְהָר מִמַשֶׁהוּ חָמֵץ מוּבְטָח שֶׁלֹא יֶחֱטָא כָּל הַשָּׁנָה", וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח, וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; אַלֶע פְרֶעגְן, וָואס אִיז פְּשַׁט אַז מֶען פַאלְט יָא אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת? מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן אַרִיזַ"ל.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אַלֶע יָארְן גֶעזָאגְט פְּשַׁט אִין דֶעם אַרִיזַ"ל, דֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט אַז וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר פוּן אַ מַשֶׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם, עֶר הָאט חַיוּת פוּן דֶעם אַז עֶר עֶסְט נִישְׁט קַיין חָמֵץ - וֶועט אַ גַאנְץ יָאר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דִי שִׂמְחָה פוּן דִי מִצְוָה וֶועט אִים הִיטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵייליךְ,

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר גָארנִישְׁט אָנְגֵיין; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מַיינֶע פְּלֶענֶער. אָנָּא ה׳, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן קַיין אֵיין רֶגַע פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קֶען גָארנִישְׁט מַאכְן, גָארְנִישְׁט טוּן - נָאר דוּ אַלֵיינְס מַאכְסְט אַלֶעס".

מָארְגְן נַאכְט אִיז לֵיל בְּדִיקַת חָמֵץ, מֶען אִיז בּוֹדֵק חָמֵץ אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן; נָאכְן בּוֹדֵק זַיין זָאגְט מֶען כָּל חֲמִירָא, מֶען אִיז מְבַטֵּל דִי חָמֵץ וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זֵיי זֶענֶען.

מָארְגְן אִיז תַּעֲנִית בְּכוֹרִים; אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַ בְּכוֹר אָדֶער דוּ הָאסְט אַ זוּן אַ בְּכוֹר, אַ קָטָן - זָאלְסְטוּ מָארְגְן אִינְדֶערפְרִי מְסַיֵּים זַיין אַ מַסֶכְתָּא. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶעס יָאר עֶרֶב פֶּסַח אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען מַסֶכֶת תָּמִיד, אַ מַסֶכְתָּא פוּן זִיבְּן בְּלַאט.

פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי פַארְבְּרֶענְט מֶען דִי חָמֵץ אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן; אֵיין חִילוּק אִיז דָא, מֶען זָאגְט נִישְׁט כָּל חֲמִירָא בִּיז שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי.

דִי יָאר קֶען מֶען זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אַ גַאנְץ עֶרֶב שַׁבָּת, אֲפִילוּ נָאךְ חֲצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן פוּנֶעם קָרְבַּן פֶּסַח נָאךְ דִי יָאר מִיט מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

...

## מִיטְ׳ן רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וֶועט אִיר זִיךְ אָפְּרֵיינִיגְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת הַ׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת צַו, י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרָם יָאִיר

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן דִי גַבָּאִים אַז אִיר הָאט גֶעהָאלְפְן רֵיין מַאכְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֶעלְפְן רֵיינִיגְן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, בִּפְרַט דֶעם רֶבִּינְ׳ס שׁוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין מִיט דֶעם זִיךְ אָפְּצוּרֵיינִיגְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס און זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֶצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## וִוי אַזוֹי דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

"גָאט גָאט, לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט!" אַזוֹי הָאט דֶער קְלֵיינֶער יִשְׂרָאלִ'יק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעוֶוען אִיז דָאס אַ קוּרְצֶע צַייט אֵיידֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ, עֶר אִיז גֶעלִיגְן אִין בֶּעט אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים. דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן; אִינְמִיטְן קוּמְט אַרַיין דֶער אֵיינִיקֶל יִשְׂרָאלִ'יק, אַ זוּן פוּן שָׂרָה דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי קוּקְט אוֹיפְ'ן אֵיינִיקֶל אוּן זָאגְט אִים: "יִשְׂרָאלִ'יק, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיידִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט"; יִשְׂרָאלִ'יק אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן פִינְף יָאר אַלְט, עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּם רֶבִּי'ן: "וָואס גֶעבְּסְטוּ מִיר דֶערְפַאר?" דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "דֶער קְלֵיינֶער יִשְׂרָאלִ'יק פִירְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיף אַזוֹי וִוי אַ גוּטֶער אִיד, עֶר בֶּעט אַ פִּדְיוֹן".

דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר יִשְׂרָאלִ'יק: "דָא הָאסְטוּ מַיין גָאלְדֶענֶעם

זֵייגֶער, יֶעצְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיידִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט״; יִשְׂרָאלִי׳ק אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּפְרִידְן, עֶר נֶעמְט דֶעם זֵייגֶער אוּן הֵייבְּט אָן אַרוֹיסְגֵיין אוּן זָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְ׳ן קוֹל: ״גָ-א-ט, גָ-א-ט, לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט!״




יִשְׂרָאלִי׳ק בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁמֵייכְלְט, זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶענוּג, נִישְׁט דָאס מֵיינְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: ״אַזוֹי דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וִוי אַ קִינְד

בֶּעט זַיין טַאטֶע און אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט", דֶער רֶבִּי פְּרֶעגְט זֵיי: "ווִי אַזוֹי דֶען דַארְף מֶען בֶּעטְן? אִיר מֵיינְט מֶען דַארְף מֶער פוּן דֶעם? נֵיין, דָאס מֵיינְט תְּפִילָּה, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מִיר וֶועלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן אִים בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן - וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

טייערע חשוב'ע קינדער שיחיו!

**די נעקסטע גורל וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פארקומען קומענדיגע מאנטאג פרשת תזריע מצורע, ראש חודש אייר.**

**געדענקט, מיט יעדע מעסידזש וואס מען שיקט אריין גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל!**

**כאפטס אריין! דו קענסט זיין דער גליקליכער געווינער!**

די נומער וואו מען קען דערווייל לאזן מעסידזשעס איז:

718-387-2691 - אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט"א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס: info@kerenhadfusa.org

# קינדער ווינקל

## טרעף צו וואס דא שטייט

## וווי אזוי קען מען זיין אפגעהיטן פון עבירות?

**פפזג זח תמע טעצג ופט ת יבצפ סיץ תפי וחס**
**תפט זג וגממקנ עמל ימנ קזי פפזנ ת רתטץ**
**מתג עממט תורזצמנט ופט זשמגפא**

א = ת　ב = ש　ג = ר　ד = ק　ה = צ　ו = פ
ז = ע　ח = ס　ט = נ　י = מ　כ = ל　ל = כ　מ = י
נ = ט　ס = ח　ע = ז　פ = ו　צ = ה　ק = ד　ר = ג
ש = ב　ת = א

**אין די וואכעדיגע סדרה, פרשת שמיני, לערנען מיר וואס א אידיש קינד מעג עסן און וואס א אידיש קינד טאר נישט עסן; לאמיר זען אויב דו קענסט טרעפן די סימנים פון די כשר׳ע חיות און פיש און די נעמען פון די טמא׳נע חיות וואס די תורה רעכנט אויס**

(די ווערטער שטייען אויף אלע מיני וועגן, ווי אויך איז נישט דא קיין ספעיס צווישן די ווערטער)

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| י | ד | ק | א | ח | ש | ס | ז | ס | ח | ג | ר | א | ו | ע | ג | צ | י | י | א | ל | י | כ | פ | ח | י | ס | ס | ע | נ |
| ק | כ | ז | נ | מ | ד | ב | ד | ת | ו | ד | ס | מ | ל | ו | ג | ק | ש | מ | מ | מ | נ | א | ס | י | ט | נ | ת | י | ד |
| ש | ט | ק | ז | ג | ח | ל | ג | ש | כ | א | ב | ח | ס | פ | ה | י | ח | מ | א | ו | ח | פ | כ | ג | כ | ג | ו | ת | ת |
| ז | ת | ז | ו | ר | ת | י | ר | ג | מ | ק | ב | י | נ | ר | ו | ס | ב | ג | א | א | ה | י | ת | צ | ס | ו | פ | י | ת |
| כ | ז | ד | ה | ד | י | ס | ה | ח | צ | פ | פ | ה | ה | ת | פ | נ | ס | ל | מ | י | א | כ | ה | ט | פ | כ | ג | צ | ב |
| א | ע | ל | ד | י | ת | פ | י | פ | ע | י | ג | פ | ש | ה | מ | י | ח | מ | ח | פ | ה | ק | כ | פ | ג | ת | ה | ק | ז |
| ב | ר | פ | ל | ו | ק | ה | נ | פ | ס | נ | צ | ס | י | ט | ע | ס | ה | מ | י | ב | ב | י | ז | א | ס | ש | א | מ | ב |
| א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | ת | מ | ח | כ | ח | ד | ח | פ | פ | א | א | ה | ו | ה | ת | ח | מ | ת | ח | מ | ק | ש |
| ח | ש | ל | ט | ס | י | ת | ח | צ | ד | צ | מ | ד | א | ה | ג | ב | ה | ר | פ | ר | צ | ש | פ | ח | ת | ט | צ | ק | ש |
| ס | ז | ב | ח | ד | פ | ש | נ | ב | ט | א | י | ר | י | מ | מ | ו | י | ש | ס | ח | ח | ה | י | י | פ | ט | פ | א | ה |
| פ | ת | כ | מ | ק | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | מ | ק | ח | ר | צ | ו | ח | י | כ | ד | ק | ה | ט | ד | ת | כ | ח |
| ה | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | ס | ז | מ | ג | ל | ח | ג | י | ע | ס | ע | צ | ח | נ | נ | פ | ה | ש | ו | ס | ת |
| י | ע | ר | ט | ח | א | ד | ח | ו | ר | א | א | ח | א | ס | פ | ק | ה | מ | פ | צ | ת | ס | ק | ס | ס | ה | פ | ע | נ |
| ח | ס | מ | א | א | מ | ס | ט | ב | נ | ס | ע | מ | מ | פ | ת | ה | א | פ | ע | נ | ט | א | פ | ח | ש | ה | י | ב | י |
| מ | י | ר | ג | ז | פ | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | ה | ו | נ | ט | מ | ס | ו | נ | ו | מ | ה | י | ס | ר | כ | ד |
| א | ט | ט | מ | ה | ש | מ | א | א | ה | ג | י | מ | י | י | ט | כ | ק | ש | ו | ח | ד | ק | י | ח | י | ד | נ | ס | ח |
| פ | ת | ד | י | י | ק | ח | ו | מ | מ | ת | א | כ | ה | ח | ה | ו | ע | ק | ס | כ | ה | ס | מ | ק | י | ח | ש | ש | ס |
| ע | ה | ח | מ | א | ח | י | ע | ה | ר | ח | מ | ש | פ | מ | ק | פ | ת | ט | ש | ר | י | א | ר | ה | א | ה | מ | י | פ |
| פ | מ | א | כ | מ | ס | ה | ל | כ | ט | ע | י | ח | ס | א | ע | ט | ס | פ | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | פ | א | ה |
| א | א | י | ש | ח | פ | פ | ח | ס | צ | ד | ס | ה | ח | ז | ו | פ | ז | ח | צ | ס | ז | א | ל | א | ו | ז | ט | ס | י |
| מ | ב | מ | צ | י | ה | ס | נ | ע | ב | פ | י | ד | פ | ס | ר | י | ד | ה | פ | י | ו | מ | מ | ד | ע | ז | ע | פ | ח |
| א | ג | ש | ת | ה | י | ח | ס | ר | ה | י | ח | ק | פ | ס | כ | ג | ע | ה | י | ל | ס | ז | ד | ח | י | פ | ל | ס | מ |
| נ | מ | ל | ג | פ | ח | ל | א | י | כ | א | כ | ז | ג | א | ח | ל | י | ד | מ | ח | ט | ר | ו | א | י | י | ט | ח | א |
| ז | ג | ח | ש | ס | מ | א | ח | ס | ח | פ | מ | כ | ו | ר | נ | ח | ש | א | א | ה | ק | ט | פ | מ | מ | ה | ה | ק | ע |
| ח | ת | ט | י | ח | א | מ | ז | מ | א | א | ש | ח | ס | צ | מ | ג | מ | ר | ו | ב | ל | ח | ש | ח | ת | ס | פ | ע | ט |
| פ | ב | ע | צ | ה | א | מ | ל | ה | פ | י | ד | א | י | א | ז | ט | כ | א | ח | ג | ה | ש | ע | י | ק | ר | ש | ס | ס |
| פ | ע | ר | ל | ג | פ | ב | ג | י | ס | ת | ז | ק | צ | ה | ט | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | ה | ש | ד | פ | ח | ח |
| ד | ט | א | נ | ג | ב | ס | ב | ג | א | ב | ל | ל | ח | י | פ | י | ג | ק | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | ש | ר | א |
| ס | כ | ח | ח | מ | ש | ז | ח | נ | צ | ש | ב | פ | ג | נ | ד | ס | ד | י | ת | א | נ | ר | א | ס | ת | כ | ל | ע | ע |
| ג | א | ר | ז | ר | ת | נ | א | מ | ח | י | ה | פ | ס | ח | ז | ד | ח | ה | א | ת | ב | ת | ט | ח | ת | ל | א | כ | ר |

די ווערטער:

מַפְרֶסֶת פַּרְסָה – שֹׁסַעַת שֶׁסַע – מַעֲלַת גֵּרָה – סְנַפִּיר – קַשְׂקֶשֶׂת - גָּמָל - שָׁפָן - אַרְנֶבֶת - חֲזִיר - נֶשֶׁר - פֶּרֶס - עָזְנִיָּה - דָּאָה - אַיָּה - עֹרֵב - בַּת הַיַּעֲנָה - תַּחְמָס – שָׁחַף - נֵץ - כּוֹס - שָׁלָךְ - יַנְשׁוּף - תִּנְשֶׁמֶת - קָאָת - רָחָם - חֲסִידָה - אֲנָפָה - דּוּכִיפַת - עֲטַלֵּף - אַרְבֶּה - סָלְעָם - חַרְגֹּל - חָגָב - חֹלֶד - עַכְבָּר - צָב - אֲנָקָה - כֹּחַ - לְטָאָה - חֹמֶט - תִּנְשָׁמֶת - הוֹלֵךְ עַל גָּחוֹן – הוֹלֵךְ עַל אַרְבַּע – כָּל מַרְבֵּה רַגְלַיִם

**אין די ספירה טעג שטארקן זיך אלע אין די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך, העלף יואלי׳ש אנקומען צו אליעזר שלמה׳לע, זיך שפילן צוזאמען באחדות**




ביי די סעודת הבעל שם טוב, סעודת משיח וואס איז פארגעקומען אחרון של פסח פארנאכטס האט דער ראש ישיבה שליט״א אויסגעלערנט ווי אזוי צו בעטן דעם אייבערשטן לויט די סדר פון די אלף בית, למשל א׳ - אמונה, ב׳ - בטחון, ג׳ - געלט, און אזוי ווייטער; לאמיר זען אויב דו קענסט אויספילן די ליסט פון אלע אלף בית, צו בעטן דעם אייבערשטן עפעס פון יעדע אות.

| | |
|---|---|
| א ______________ | ל ______________ |
| ב ______________ | מ ______________ |
| ג ______________ | נ ______________ |
| ד ______________ | ס ______________ |
| ה ______________ | ע ______________ |
| ו ______________ | פ ______________ |
| ז ______________ | צ ______________ |
| ח ______________ | ק ______________ |
| ט ______________ | ר ______________ |
| י ______________ | ש ______________ |
| כ ______________ | ת ______________ |

יעדע קינד וואס וועט אויספילן דעם צעטל און דאס ארײנשיקן וועט ארײנגײן אין א גורל צו געווינען דעם נײעם איבערגעדרוקטן סידור עת רצון אדער דעם נײעם זמירות מיט די פירוש פון מוהרא״ש זכותו יגן עלינו.

די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט״א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס: info@kerenhadfusa.org

בס״ד

# קול ברסלב האטליין אפדעיטס, מאנטאג צו - חג הפסח - מאנטאג שמיני תשפ״א

דרוקט (1) פאר אידיש, און דערנאך:

## 0 אפדעיטס און נייעס

## 1 חיזוק יומי • נייע שיעורים

◄ 1 חיזוק יומי פון דער ראש ישיבה שליט״א

- מען געבט נישט קיין סטימיולעס טשעקס פאר טויטע!
- צו די קינדער אין קרית ברסלב: ענקער רבי'ס טאטע האט געהאט א נס מיט די מצה!
- *בדיקת חמץ* ער נעמט די לעפל מיט'ן פעדער מיטן לעכט און דרייט עס ארום דעם קאפ: זה חליפתי! נערוון נערוון נערוון!
- ווארט נישט אויף די לחץ פון פסח ביינאכט
- אזוי טוט מען צו א ווייב? איך קוק נישט אויף דיר? ביסט אויפ'ן קאפ געפאלן? וואס האסטו געלערנט אלע יארן אין ישיבה?
- איך האב געקויפט אן אייפאד, איך האב געקויפט א טעלעפאן, שמועסן!
- דער שופט האט נישט קיין רוח הקודש... בינד אויף די בהמה...
- שיקצע שיקצע שיקצע! דו האסט איר געמאכט פאר א שיקצע!

◄ 2 חיזוק יומי פון מוהרא״ש זי״ע

◄ 3 נייסטע שיעור פאר בחורים

◄ 4 נייסטע שיעור פאר אינגעלייט

◄ 5 נייסטע שיעור אין בבלי

◄ 6 נייעסטע שיעור אין ירושלמי

◄ 7 קאראנע אפטיילונג

◄ 9 ענינא דיומא

## 2 שיעורים פון ראש ישיבה שליט״א (ביים סוף פון די וועכנטליכע מפתח איז דא ליסטע פון שיעורים פון די פארגאנגענע יארן)

◄ 1 טעגליכע דרשות

◄◄ 7

◄◄◄ 1

111 - שיעור פון זונטאג פרשת צו תשפ״א: מיר גייען ארויס פון מצרים

112 - שיעור פון דינסטאג פרשת צו תשפ״א: כוס של אליהו

113 - שיעור פון דינסטאג, א׳ דחול המועד פסח תשפ״א: אויסגעלייזט

114 - שיעור פון מיטוואך, ב׳ דחול המועד פסח תשפ״א: חמץ ומצה

115 - שיעור פון דאנערשטאג, ג׳ דחול המועד פסח תשפ״א: שפאלטן דעם ים

◄ 2 וועכענטליכע דרשות

◄◄ 6

23 - שיעור פאר אינגעלייט ליל ד׳ צו תשפ״א: סדר נאכט

◄ 3 מועדים וזמנים

◄ 4 חינוך שיעורים

◄ 5 שו״ת און בריוו

◄ 6 שולחן ערוך

◄ 7 גמרא בבלי

◄◄ 5

2 - שקלים דף ב, התחלת המסכתא דינסטאג פרשת צו

3 - שקלים דף ג

4 - שקלים דף ד,ביים סוף: אביסל איז אויך גוט

5 - שקלים דף ה

6 - שקלים דף ו

7 - שקלים דף ז, ביים סוף: די כוונות פון אכילת מצה

8 - שקלים דף ח, ביים סוף: תורה מאכט פרייליך

9 - שקלים דף ט, ביים סוף: רעדן אסאך צו קינדער פון אמונה

10 - שקלים דף י, ביים סוף: סדר דרך הלימוד

11 - שקלים דף יא

12 - שקלים דף יב

13 - שקלים דף יג, ביים סוף: זיך שפירן גוט

14 - שקלים דף יד

15 - שקלים דף טו

◄ 8 שיעורי נ״ך

◄◄ 7

מיטצוהאלטן די שיעור אין נ״ך, לויט די סדר פון צוויי פרקים ליום, וואו מען האלט יעצט אין ספר ישעיה, קען מען דרוקן נומער 7 און אויסוועלן די קאפיטל וואס מען וויל הערן.

◄ 9 גמרא ירושלמי

◄◄ 25

- מסכת יבמות - פרישע שיעורים צוגלייגט

◀ 10 חיזוק קאלס

◀ 11 משנה תורה להרמב״ם

- הלכות איסורי ביאה - פרישע שיעורים צוגעלייגט

## 3 שיעורים פון מוהרא״ש זי״ע

◀ 1 בראשית

◀ 2 שמות

◀ 3 ויקרא

◀ 4 במדבר

◀ 5 דברים

◀ 6 מועדים וזמנים

◀ 7 פארשידענע דרשות

◀ 8 ליקוטי מוהר״ן

◀ 9 שמועסן פון פריערדיגע יארן

## 4 מלמדים שטיבל • אנדערע שיעורים

◀ 1 שיעורים פון הרב יצחק לעזער שליט״א

◀ 2 מלמדים שטיבל • שיעורי חינוך • אינטערוויוס

◀◀ 1 מלמדים שטיבל

- פרישע שמועסן

◀◀ ② חינוך שמועסן פון די גמרא שיעורים פון ר״י

◀◀ ③ חינוך שיעורים פון ראש ישיבה שליט״א

◀◀ ④ חינוך שיעורים אין ת״ת היכל הקודש וומ״ס

◀◀ ⑤ אינטערוויוס מיט מלמדים און מחנכים

◀ 3 נייע אפטיילונג ***שיעורי הלכה***

## 5 היכל נגינה

◀ 0 אלע ניגונים שאפל רענדאם

◀ 1 ווארימע ניגונים

◀ 2 גראמען

◀ 3 לעבעדיגע ניגונים

◀ 4 נוסח

◀ 5 סינגלס

◀ 6 ניגונים אן מוזיק לימי הספירה

## 6 שיעורים מיט צו זאגן

◀ 1 משניות

◀ 2 תהילים • תיקון הכללי • תפילת הדרך • פרשת המן

◀ 3 חומש

◀ 4 **ב**בלי, **י**רושלמי, **ת**וספתא **נצחי**

◄ 5 ליקוטי מוהר"ן

## 7 פאמיליע ווינקל

◄ 1 מעשיות פון תפלה

- פרישע שמועסן

◄ 2 סיפורי מעשיות

◄ 3 סיפורי צדיקים

◄ 4 הפצה בליצן

- פרישע שמועסן

◄ 5 אינטערוויוס

112 - א פרישע אינטערוויו מיט'ן מלך המלחינים, ר' יוסי גרין, איבער זיין סיום מסכת פסחים וואס ער האט יעצט געמאכט; פארשידענע אינטערעסאנטע ניגונים, זיין וועג פון לערנען און נאך פילע אינטערעסאנטע עפיזאדן פון זיין לעבן

◄ 6 15 מינוטיגע לאנטש ברעיק שמועסן

◄ 7 שיחות חברים

- פרישע שמועסן

## 8 זיך אויפצוסיינען צו באקומען עצתו אמונה אויף פאסט

- דרוקט נומער 1

## 9 נדבות • אנווייזונגען • הוקאפ • מערכת

◄ 1 נדבות

◄ 2 אנווייזונגען וויאזוי צו נוצן דעם האטליין

◄ 3 וויאזוי צו באקומען די חיזוק יומי און די שיעורים

◄ 4 די טעלעפאן נומערן פון קול ברסלב אין אנדערע לענדער

◄ 5 לייוו הוקאפ

◄ 9 צו לאזן א מעסעדזש פאר'ן מערכת

שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט"א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

2, 47: ב' שמיני תשע"ו – שיינע נייע ניגונים
2, 48: ג' שמיני תשע"ו – שחרית מנחה מעריב
2, 49: ד' שמיני תשע"ו – זיך היטן פון שלעכטע חברים
2, 50: ה' שמיני תשע"ו – סיפורי מעשיות, מעשה ג
2, 51: ג' תזריע תשע"ו – תפלה מיט סבלנות
2, 52: ה' תזריע תשע"ו – פון יעצט

3, 2, 1: פתיחת זמן הקיץ תשע"ז
3, 2, 2: א' טהרה תשע"ז: באשעפער העלף מיר
3, 2, 3: ב' טהרה תשע"ז: א ווילדער בחור
3, 2, 4: ג' טהרה תשע"ז: זיי קלוג פאר דיר
3, 2, 5: ד' טהרה תשע"ז: א שרעקעדיגע וועלט
3, 2, 6: ה' טהרה תשע"ז: א צדיק פאר א מינוט

4, 2, 1: ב' שמיני-ב' תשע"ח – א מחי' ציצית
4, 2, 2: ג' שמיני-ב' תשע"ח – מעשר געלט
4, 2, 3: ד' שמיני-ב' תשע"ח – א געלט שידוך
4, 2, 4: ה' שמיני-ב' תשע"ח – שליסל חלה
4, 2, 5: ב' טהרה תשע"ח – א נייער שטערן
4, 2, 6: ג' טהרה תשע"ח – נאר הכנעה

***5, 108: ב' תזריע תשע"ט - ס'שמעקט שוין פסח**
***5, 109: ג' תזריע תשע"ט - ווילסט בלייבן אין מצרים?**
***5, 115: ג' אחרי-א' תשע"ט - מאך פסח'דיג דיין פאון**
***5, 117: א' דחול המועד פסח תשע"ט - ממצרים גאלתנו**
5, 118: ג' אחרי-א' תשע"ט – יענעם גייט בעסער

5, 103: א׳ שמיני תשע״ט – כאפ א טבילה
5, 104: ב׳ שמיני תשע״ט – בר מצוה פשעטל
5, 105: ג׳ שמיני תשע״ט – איך שימל
5, 106: ד׳ שמיני תשע״ט – וואס וועט זיין?
5, 107: א׳ תזריע תשע״ט – צעפלויגן
5, 110: ד׳ תזריע תשע״ט – סיום מסכת ברכות של הילד יעקב יוסף סאלי נ״ו
5, 111: ד׳ תזריע תשע״ט – מ׳קען קויפן שכל
5, 112: ב׳ מצורע תשע״ט – דברי הספד אויף הבחור החשוב שמעון ענדצווייג עליו השלום
5, 113: ד׳ מצורע תשע״ט – שמעון איז אונז מחייב

6*, 106: א׳ שמיני-א׳ תש״פ - א כשר׳ן פרייליכן פסח
6*, 107: ב׳ דחול המועד פסח תש״פ - וואס האט פסח מיט מיר?
6*, 108: ג׳ דחול המועד פסח תש״פ - שפאלטן דעם ים
6, 2, 1: א׳ טהרה תש״פ – היט אייך
6, 2, 2: ב׳ טהרה תש״פ – מ׳מעג שמייכלעך
6, 2, 3: ג׳ טהרה תש״פ – האב שכל
6, 2, 4: ד׳ טהרה תש״פ – איך קען נישט שמעקן

**שיעורים פאר אינגעלייט:**

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט״א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~

2, 15: ב׳ טהרה תשע״ז – הנהגת הבית

3*, 21: ב׳ צו תשע״ח - א פרייליכן ערב פסח
3*, 22: ב׳ שמיני-א׳ תשע״ח - עס איז צייט ארויסצוגיין פון מצרים
3, 23: ב׳ שמיני-ב׳ תשע״ח – ס׳איז דא אן עצה
3, 24: ד׳ טהרה תשע״ח – ווי אזוי ארבעט חינוך?

4, 20: ה׳ שמיני תשע״ט – מאך פרייליך דיין ווייב
4*, 23: ה׳ מצורע תשע״ט - סדר נאכט
4*, 24: ד׳ אחרי-א׳ תשע״ט - א פרייליכן פסח
4, 22: ה׳ תזריע תשע״ט – אנהייבן פון ניי